# רבי אביגדור ענטפערט...



ראש השנה תשפ״ג לפ״ק
גליון רל״ח

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די באריִמטע ליל שישי שיעורים

**פראגע**

## קען דער רב אונז געבן א שטיקל בילד וויאזוי עס האט אויסגעקוקט חודש אלול אין סלאבאדקע?

**ענטפער:**

**איך** וואלט ווען געוואלט רעדן וועגן דעם באריכות. אבער יעצט אין קורצן: אין סלאבאדקע האט מען פון ראש חודש אלול אנגעהויבן זאגן א 'שמועס' יעדן טאג; אנשטאט דריי מאל א וואך איז עס יעצט געווען יעדן טאג. און מען האט כסדר גערעדט וועגן דעם יום הדין.

ווען ראש השנה איז געקומען נענטער איז די לופט געווען דורכגעווייקט מיט אן ערנסטקייט. מען איז געווען ערנסט! אלע אונזערע מחשבות זענען געווען, "מיר דערנענטערן זיך צום יום הדין!" דער גאנצער חודש איז אויסגענוצט געווארן אלס הכנה צו ראש השנה. א גאנץ **אלול**.

צי פארשטייט איר וואס דאס מיינט? ווען ראש השנה איז ענדליך אנגעקומען, איז געווען וואס צו זען! איך קען נישט פארגעסן דעם בילד. מיר זענען געזעסן דארטן פארנאכטס, און דער חזן האט געזאגט **"ברכו"** און א געשריי ביזן דאך האט זיך אויפגעהויבן פון די גאנצע ישיבה: **"ברוך ה' המבורך לעולם ועד!"** דאן האט מען זיך אראפגעזעצט שטילערהייט.

בשעת מען האט זיך אראפגעזעצט איז געווען שטיל. און דאן האבן אלע צוזאמען אנגעהויבן די ערשטע ברכה בעפאר קריאת שמע, די ווארט - ברוך. **"ברוך, אוי יוי יוי יוי, אוי יוי יוי יוי."** זיי האבן געוויינט און געשריגן. ברוך מיינט – געבענטשט, אבער מען דארף יעצטו אריינלייגן אלעס וואס מען קען אין די ווערטער. "ברוך" מיינט – "מיר דאנקען דיר. מיר בענטשן דיר. מיר האבן דיר ליב."

און דערנאך **"אתה"** – דו! דו! דו! און אזוי יעדע ווארט וואס מען האט געזאגט האט גענומען א לאנגע צייט. און ענדליך איז געווארן שטיל. און דער ש"ץ האט אויסגעלאזט אזוי: **"ברוך אתה ה' המעריב ערבים."** און דאן איז געווען אן אמן! א געשריי פון אן אמן! עס איז געווען אן איבערלעבעניש. אז מען האט געדאווענט מעריב ראש השנה אין די ישיבה איז מען ארויסגעקומען א נייער מענטש. קיין שום פראגע דערוועגן.

און די עשרת ימי תשובה און דאן יום כיפור, אה הא!

איך געדענק מוצאי יום כיפור אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געגעבן א קורצע שמועס. אסאך בחורים זענען אהיימגעגאנגען פאר סוכות, און ער האט געזאגט, "איר האט אויפגעבויט א טורעם פון יראת שמים, פון דעת, אבער גיבט אבאכט! איר גייט אהיים און איר קענט עס פארלירן. "ליצנות אחת דוחה מאה תוכחות" – איין ליצנות קען איבערווארפן הונדערט בנינים פון דעת. אפילו דער גרויסער טורעם וואס איר האט אויפגעבויט אין יראת שמים. איין טאג פון קלות ראש, פון לייכטזיניגקייט – ווי אין געוויסע קליינע שולן וואס זיי ווערן אביסל ווילד שמחת תורה – קען אראפווארפן אלעס און חרוב מאכן דעם גאנצן בנין."

ווען מען בויט אויף א בנין פון יראת שמים, דארף מען זען אז עס זאל בלייבן שטיין. האלט אייביג אייער מחשבה דערויף. אודאי, מען קען אייביג זיין אויפגעלייגט, מען דארף נישט זיין טרויעריג; ניין, טרויער איז אויך די זעלבע ווי ליצנות. טרויער איז אויך ליצנות. עצבות איז ליצנות. אבער זייט נישט לייכטזיניג און זייט נישט ווילד. לאכט נישט ארום. די געביידע איז אויפגעבויט געווארן מיט געוואלדיגע כוחות. עס האט גענומען א גאנצער חודש פון שמועסן, לערנען מוסר, יראת שמים, אויפצוהייבן די גרויסע געביידע. בלויז דורכ'ן אויסהערן דאס דאווענען זענען מיר געטויטשט געווארן.

זיי האבן אלע געדאווענט אינאיינעם. עס איז געווען אן אויסטערלישער בילד צו זען דאווענען צוזאמען. במילא אלעס וואס איר האט אויפגעבויט, מאכט זיכער אז דער בנין בלייבט שטיין ביז קומענדיגן יאר. און דאן וועט איר נאכאמאל ארויפציען נאך אפאר שטאקן צו דעם בנין.

הלוואי וואלט איך געקענט רעדן לענגער וועגן דעם, וואס עס האט געמיינט אין סלאבאדקע חודש אלול. (# E-29)

## פראגע

### וואס מיינט דער פסוק אין תהלים (פט טז): "אשרי העם יודעי תרועה" – גליקליך איז דער פאלק וואס ווייסט די שופר-בלאזן?!

## ענטפער:

**אשרי** העם יודעי תרועה! וואויל איז פאר'ן פאלק וואס פארשטייט דעם קול שופר! דאס מיינט עס. און דער פשוט'ער באדייט איז אז דער שופר האט עטליכע וויכטיגע באדייטן און ווי גליקליך איז דער מענטש וואס נעמט די צייט צו טראכטן דערוועגן און **ווייסט וואס דער שופר זאגט**.

איין באדייט איז, **"ותרועת מלך בו"** – עס איז ווי א טראמפייטער וואס מען בלאזט ווען מען קרוינט א נייעם קעניג. **"השם מלך!"** דער איבערשטער איז קעניג! ראש השנה אנערקענען מיר אז דער באשעפער איז דער קעניג. דאס זאגט אונז דער שופר. דער שופר שרייט – **"דער איבערשטער איז דער קעניג!"** די וועלט באלאנגט צו אים. די שטערנס באלאנגען צו אים. די גאסן באלאנגען צו אים. דיין הויז באלאנגט צו אים. אלעס וואס דו פארמאגסט באלאנגט צו אים. דער שופר פראקלאמירט אז ער איז דער קעניג. דאס איז איין באדייט.

דער שופר דערמאנט אונז אויך פון **מתן תורה**. **"וקול שופר חזק מאד"** – עס איז געווען א קול פון א שופר ביי מתן תורה. ווען מען הערט דעם שופר, דערמאנט עס אונז פון דעם גרויסן געשעעניש ווען די תורה איז געגעבן געווארן. עס דערמאנט אונז פון אונזערע תורה-חיובים; דאס איז וויאזוי מיר דינען דעם קעניג.

דער שופר דערמאנט אונז אויך פונעם צוקונפטיגן שופר. **"תקע בשופר גדול"**. משיח וועט קומען און דעמאלטס וועט א קול שופר דינערן איבער די גאנצע וועלט און אלע פעלקער וועלן ציטערן, ווייל די צייט איז געקומען פאר נקמה און הקב"ה וועט אויסלייזן זיין פאלק. ווען עס וועט זיין דער שופר של משיח וועט די גאנצע וועלט אנערקענען אז ה' מלך!

און דעריבער, אשרי העם יודעי תרועה – גליקליך איז דער פאלק וועלכע פארשטייען צו דעם תרועה, און זיי ווייסן די וויכטיגקייט פונעם שופר.

אלזא, ווען איר הערט שופר-בלאזן, קודם כל זאלט איר טראכטן – **הנני מוכן ומזומן לקיים מצוות עשה של תקיעת שופר** – אדער שמיעת קול שופר; איך האב אינזין צו **מקיים זיין די מצוה** פון הערן דעם קול-שופר. אבער דאן זאלטו איר טראכטן, דאס איז א קול וואס רופט אויס אז **דער איבערשטער איז קעניג**. זייער וויכטיג! און אויך דערמאנט עס פון **מתן תורה** און פון **ביאת משיח**. (#136)

## פראגע

### פארוואס קומט יום כיפור נאך ראש השנה? וואלט נישט געווען בעסער צו טון תשובה בעפאר דעם יום הדין?

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז, יום כיפור איז בלויז די ענדע פון תשובה – **ראש השנה איז די עיקר תשובה**. ווי מיר האבן עס שוין דא מסביר געווען אין די פארגאנגענהייט, ראש השנה טוט מען תשובה אויף דעם וואס מיר האבן פארגעסן פונעם איבערשטן, פאר'ן פארגעסן אז ה' מלך. דאס איז די שפיץ! עס איז די וויכטיגסטע תשובה וואס מיר דארפן טון. מען דארף אויסנוצן ראש השנה צו טראכטן וועגן דעם געדאנק אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט. אז ער איז דער בעל הבית אויף די גאנצע בריאה, ער איז דער קעניג אויף אלעם.

עס נעמט א לאנגע צייט עס אריינצוליינען אין אונזערע קעפ, און יעדעס יאר דארפן מיר באנייען דעם געדאנק. דאס איז די עיקר פון תשובה. אלע אנדערע זאכן זענען בלויז **דעטאלן**. במילא נאכדעם וואס מיר ענדיגן די גרויסע תשובה פון אמונה אין א בורא; אין א מלך וואס קאנטראלירט די וועלט און אלעס ווערט געפירט דורך זיין טיפע חכמה, יעצט זענען מיר גרייט צו טון תשובה אויף די דעטאלן, אויף דעם חטא און אויף יענעם חטא. דאס טוען מיר אין די עשרת ימי תשובה און יום כיפור. אבער צום ערשט קומט דער טאג פון די גרויסע תשובה, פון צוריקקומען צום מערסט-וויכטיג באגריף פון – **ה' מלך**. (# 524)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com


דער צווייטער באנד!
מהדורת שלמה
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי ההיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

**אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com**

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב